Call no: B. (NS)PP106

Author: Tehinot. 1700.

Title: Dizeh ... tehinah ... di vayber zogen an R.H. ve-Y.K. ... alenu le-shabeah ....

כותר: דיזה ... תחינה ... דיא ווייבר זאגן אן ר"ה וי"כ ... עלינו לשבח ...

Imprint: Karelsru : Hirsh ben Mosheh Vermesh, [17--]

דפוסת: קארלסרוא : הירש בן משהווירמייש, [17--]

Collation: 1 broadside : ill. (border design) ; 19 x 17 cm.

הערות: סוג הגליון: תחינה. תחילת התפילה: עלינו לשבח. כולל טקסט בשפה האידית.

These images are from the collection of the Library of the Jewish Theological Seminary (JTS). JTS holds the copyrights to these images. The images may be downloaded or printed by individuals for personal use only, but may not be quoted or reproduced in any publication without the prior permission of JTS.

הועתק והוכנס לאינטרנט
www.hebrewbooks.org
ע"י חיים תש"ע

These images are from the collection of the Library of the Jewish Theological Seminary (JTS). JTS holds the copyrights to these images. The images may be downloaded or printed by individuals for personal use only, but may not be quoted or reproduced in any publication without the prior permission of JTS.

דיזה שינה תחינה זאלן דיא ווייבר זאגן אן ר"ה וי"כ אין עלינו לשבח
פֿאר כורעים ומשתחוים אין דיא עבודה

**עָלֵינוּ לְשַׁבֵּחַ** לאדון הכל אויף איר (פב"פ) איז דיא שולד צו לובן דיין הייליגן נאמן (בחולה) מיט פֿאריכט אום צו ביטן צו גניסן דיין בארמהערציגקייט · אויב איך שאהן אללך בין מיט עבירות בעו"ה (בעל הרחמים נקראת ודרך תשובה הורית) ביזט דוא דאך בארמהערציג אונד האשט אונז געלערנט דען וועג פֿון תשובה זא קום איך (פב"פ) פֿר דיין גאבפֿרטן נאמן (להתפלל על נפשי ועל עמי) צו ביטן אויף איר אונד איין מאן אונ' קינדר (בכריעה ובהשתחויה) אונ' פֿאל אויף מיין פנים ביראה ובמורא צו ביטן דיין הייליגן נאמן (אל אלהי האלהים הקב"ה) דען חסד וואס דוא האשט געטאהן מיר אונ' מיין מאן אונ' קינדר פֿון יוגנד ביז הייטיגן טאג (מלא רחמים) לאז איך ווייטר דיין גנאד אונ' בארמהערציגקייט ניט פֿר לאזן עמפֿאנג מיט רחמים אונזר תפלה ווייל יעצונדר מיין עת רצון איזט (לפני כסא כבודיך) זאלשט אונזרי עבירות מוחל זיין וויא דוא האשט פֿר זיכרט צו משה רבינו ע"ה אין דיא הייליגה צייט (סלחתי כדבריך) דוא זאלשט מוחל זיין אונזרי עבירות וועלכי מיר מתוודה זיין בלב נשבר ונדכה זייא מקבל אונזר תפלות (כתפלת חנה) דיא דא האט געזאגט (אשה קשת רוח) אנכי איין פֿרויא מיט בטריבטן ביטר געמיט בין איך (ואל תבוא במשפט לפניך) זייא איך ניט דן במשפט (כי לא יצדק לפניך כל חי) ווייל קיין מענש ניכט ריין איזט פֿון עבירות · אונ' ווען ח"ו דער (מקטרג) זאלט מתגבר זיין לאז איך גניסן דיין מדה פֿון חסד ורחמים שטיהי אויף מכסא הדין זעצט דיך צו כסא רחמים ליבר גאט מאך דער וועגן דיין בארמהערציגקייט אויף מיר (פב"פ) אונ' מיין מאן אונ' קינדר אונ' וועט אב אונזרי עבירות ברחמיך הרבים אבל לא על ידי יסורים וחלאים רעים רבש"ע וויא צו ברעכט מיר איין הערץ ווען איך גדענק וויא דז בית המקדש איזט געשטאנדן אונ' דער כהן גדול האט דיא עבודה געטאהן אין קדשי קדשים זא איזט דער רויט פֿאדן וייס געווארן · זא האבן דיא ישראל געוויסט איר תפלה איזט אן גנעהם געוועזן · איצונד בעו"ה האבן מיר קיין בית המקדש קיין כהן גדול קיין קרבן אויף אונז מכפר צו זיין האבן מיר גאר קיין אנדרי מנחה אלז אונזר תפלה זא פֿר נעם אונזר תפלה ברחמים אונ' גיב מיר אונ' מיין מאן עשירות אלז איך זאל קענן מחזיק זיין לומדי תורה אונ' צו געבן צדקה לעניים ואביונים כשרים אונ' ניט ח"ו אלז מיר אונזר עשירות אן ליגן צו גאוה טרייבן אונ' צו הערשין איבר עניים (פותח את ידיך) עפֿן דיין מילטי האנד אונ' שפייז איך אונ' דיא מייניגה פֿון דיין האנד אב הרחמים יהי רצון אמרי פי מיין ריד זאלן זיין בוועלגט פֿר דיר · אונ' ווען איך ח"ו עטוואז זאלט גרעדט האבן וואס ניט רעכט איז בינה הגיגי פירב איין צו ברחבין גדאנקין וועלכס בטריבט איזט איין וויינן אונ' טרייאן לאזן אלץ זיין פֿר איר אונ' מיין מאן אונ' קינדר · אויב איך שון ניט ווערדיג בין להתפלל על עצמי מכל שכן אויף מיין מאן אונ' קינדר · דוא האשט אבר פֿר זיכרט עושה חסד לאלפים דיין גנאד געהט אויף פֿיל טויזנט · זא פֿר נעם איין תפלה לאז איין טרעהרן ניט לעהר אב צו גיסן בויא דיין בית המקדש בימינו אין אונזר טעג אלז דער כהן גדול זאל עבודה טאהן אין קדשי קדשים אמן סלה :

---

נדפס בק"ק **קארלסרוא** צו בקומן אצל כ' **הירש** בן כמר **משה** ווירבייש ז"ל :

הועתק והוכנס לאינטרנט
www.hebrewbooks.org
ע"י חיים תש"ע